**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/26/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט דאס שטרענג זיך נעמען קעגן ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס שווינדלעריי**

***ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט אידענטיפיצירט איבער 11 מיליאן דאלער אין געפעלשטע אַנעמפלוימענט אינשורענס באצאלונגען אין אוגוסט; אויפ׳ן וועג צו טרעפן איבער 110 מיליאן דאלער אין גע׳גנב׳עטע בענעפיטן היי-יאר***

***DOL וועט זוכן צוריקצאל און וועט אנווייזן נישט-באצאלער צו געזעץ אינפארסירונג ווי נייטיג***

***נייע שווינדלעריי דערווישונג טעכנאלאגיע טייל פון DOL׳ס פיר-יעריגע מאדערניזאציע באמיאונג***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן שריטן זיך צו נעמען שטרענג קעגן אַנעמפלוימענט אינשורענס שווינדלעריי נאך א ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט אויספארשונג האט געפונען אז אינשורענס שווינדלעריי איז געקומען ביז איבער 11 מיליאן דאלער אין בענעפיט באצאלונגען אין אוגוסט. די בענעפיטן זענען באצאלט געווארן כמעט אויסשליסליך צו די וועלכע ארבעטן און טוען גלייכצייטיג מאנען אַנעמפלוימענט אינשורענס באצאלונגען דורכאויס דער פאנדעמיע. נאך דעם לעיבאר דעפארטמענט׳ס אויספארשונג, האט גאווערנער האוקול אויסגעמאלדן אז דער סטעיט וועט זוכן צוריקצאל פאר געשווינדעלטע בענעפיט באצאלונגען און אנווייזן נישט באצאלער צו סטעיט געזעץ אינפארסירער. לויט די אויספארשונג, איז דער לעיבאר דעפארטמענט׳ס אפיס פון ספעציעלע אויספארשונגען אויפ׳ן וועג אויפצודעקן 110 מיליאן דאלער אין שווינדלעריש-געשאפענע בענעפיטן היי-יאר.

״ביים שפיץ פון דער פאנדעמיע, ווען אונזער סטעיט האט מיטגעמאכט א פרעצעדענטלאזע ארבעטסלאזיגקייט קריזיס, האבן די שווינדלערישע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס פאדערונגען אוועקגענומען רעסאָרסן פון ניו יארקער וועלכע האבן זיך דאס מערסטע אין זיי גענייטיגט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיין אדמיניסטראציע נעמט שריטן אויף צוציאגן אונזערע אויספארשונגען פון ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס שווינדלעריי, האלטן פאראנטווארטליך די וועלכע האבן בייזוויליג אויסגענוצט דעם סיסטעם, און באשיצן דעם קריטיש-וויכטיגן בענעפיט פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער.״

די געשווינדעלטע באצאלונגען זענען אידענטיפיצירט געווארן דורך DOL ניצנדיג א גע׳אפגרעיד׳עטע שווינדלעריי דערווישונג סיסטעם. דער סיסטעם ערמעגליכט פאר אויספארשער צו בעסער איבערקוקן קעיסעס און גלאטיגער מאכן רעקארד פארלאנגען צו ארבעטסגעבער אויף צו באשטעטיגן דאטומען פון באשעפטיגונג. אויב דער סיסטעם דערווישט א שווינדלערישע באצאלונג, האט דער פאדערער א געלעגנהייט צו ערקלערן דעם אונטערשייד.

נאך דעם איבערזיכט, אויב געפונט מען אז דער פאדערער האט געארבעט בשעת׳ן מאנען בענעפיטן, וועט DOL נעמען שריטן צו פארזיכערן אז אלע אומריכטיג-באקומענע געלטער ווערן צוריקגעצאלט. דאס רעכנט אריין אוועקשטעלן צוריקצאל פלענער, אפשניידן פון סטעיט און פעדעראלע טעקס ריטורנס און מייעץ זיין פעלער פון נישט-באצאלן צו סטעיט און / אדער פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג ווי נייטיג.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״ווען עמיצער פייל׳ט א שווינדלערישע אַנעמפלוימענט אינשורענס פאדערונג, גנב׳ענען זיי פון ניו יארקער. דער דעפארטמענט שטייט ווייטער אויף דער וואך און וועט ווייטער זיכער מאכן אז די פארברעכער ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך. מיר דאנקען ביזנעסער און ארבעטסגעבער פאר׳ן ארבעטן מיט אונז אויפצודעקן שווינדלעריי.״

דער נייער סיסטעם איז א טייל פון NYSDOL׳ס [מאדערניזאציע באמיאונגען](), וועלכע נעמען אריין א 4-יעריגן פלאן צו פארבעסערן קאסטומער עקספיריענס און רעדוצירן שווינדלעריי. אין יוני האט גאווערנער האוקול אויסגעמאלדן אז NYSDOL איז האלבוועגס דורך מיט׳ן אויספירן פלאן.

NYSDOL איז אנטשלאסן צו זיכער מאכן אז שווינדלערישע UI פאדערונגען זענען פארמיטן און פארראכטן. צו באריכטן UI שווינדלעריי און זיך לערנען מער באזוכט דעם [באריכט שווינדלעריי]() בלאט אויף דעם NYSDOL וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov]()
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov]() | 518.474.8418